אחרי תשפ"ד
גליון 188


# דעם רבינ'ס ליכט



אַײערע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער רײנער קוואל

## וֶוען גֵייט זַיין דִי נְסִיעָה?

אֵיין טָאג אִינְדֶערְפְרִי קוּמְט אַרַיין דֶער רֶבִּי אִין כִּתָּה מִיט אֵיין שִׂמְחָה אוּן רוּפְט אוֹיס מִיט אַן אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג: "קִינְדֶער אַפָּאר וָואכְן אַרוּם גֵייעֶן אַלֶע קִינְדֶער פָארְן צוּ גָאר אַ גֶעשְׁמַאקֶע נְסִיעָה צוּ דִי מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים אוּן נָאךְ גָאר אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פְּלֶעצֶער".

"וואו? וֶועלְכֶע טָאג? וָואס דַארְף מֶען מִיטְנֶעמֶען?" שְׁרַייעֶן אוֹיס אַלֶע קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם וִוי אִין אַ כָאר, וִוי זֵיי וָואלְטְן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט בְּעֶפָאר וָואס מֶען דַארְף פְרֶעגְן! נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אַנְטְפְּלֶעקְט דֶעם סוֹד וֶועלְכֶע טָאג מֶען גֵייט פָארְן, הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער זִיךְ גֶענוּמֶען צֵיילְן דִי טֶעג. יֶעדְן טָאג וָואס גֵייט פַארְאִיבֶּער, ווֶערְן זֵיי מֶער אוּן מֶער אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, לוּסְטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ. אוּן וַוארְטְן שׁוֹין קוֹים אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן טָאג!

אוֹיךְ מִיר, אִידִישֶׁע קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף גָאר אַ גְרוֹיסְן טָאג. מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ אִין דִי סְפִירָה טֶעג, מִיר קֶענֶען שׁוֹין דֶעם פָּסוּק "וּסְפַרְתֶּם לָכֶם מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת... תִּסְפְּרוּ חֲמִשִּׁים יוֹם". דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן סְפִירָה, מֶען צֵיילְט טֶעג! וָואסְפַארַא סָארְט מִצְוָה אִיז צוּ צֵיילְן אֵיין טָאג אוּן נָאךְ אַ טָאג?

נָאר אַזוֹי וִוי אִין דֶעם אוֹיבֶּערְדֶערְמַאנְטְן מָשָׁל, אַז וֶוען אַ קִינְד וַוארְט אוֹיף אַ זַאךְ וָואס עֶר גְלַייכְט זֵייעֶר, אוּן וִוי נֶענְטֶער דֶער טָאג פוּן דִי נְסִיעָה קוּמְט אָן צֵיילְט עֶר מַמָּשׁ דִי טֶעג אוּן שָׁעָה'ן, עֶר פַּאקְט זִיךְ שׁוֹין אַיין זַיין טֶעשֶׁעלֶע נֶעבְּן זַיין בֶּעט גְרֵייט, פּוּנְקְט דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן סְפִירַת הָעֹמֶר.




יֶעדֶעס יָאר גֵייעֶן מִיר אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם. יֶעדֶעס יָאר גֵייעֶן מִיר אַדוּרְך פַארְשִׁידֶענֶע סָארְטְן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף אוּנְז מִיט אַלֶע סָארְטְן נִסְיוֹנוֹת אוּן אַיינְרֶעדֶענִישְׁן, אַלֶע סָארְטְן זַאכְן וָואס דָאס אִיז פַארְקֶערְט פוּן רְצוֹן הַשֵּׁם, אָבֶּער אַלֶע יָאר פֶּסַח גֵייעֶן מִיר אַרוֹיס פְרַיי פוּן דִי אַלֶע "מִצְרַיִם".


המשך אויף קומענדיגע זייט

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

נאָךְ פֶּסַח הייבט זיךְ אָן די עֲבוֹדָה פון זיךְ רייניגן און מְטַהֵר זיין מיר זאָלן קענען זיין גרייט צו באַקומען די הייליגע תּוֹרָה. און דער אויבערשטער מיט זיין גרויס רַחֲמָנוּת האָט אונז געגעבן די מִצְוָה פון "סְפִירָה", ווען מיר בענקען און גלוסטן און האָפן, "ווען וועל איךְ שוין באַקומען די הייליגע זיסע תּוֹרָה?".

יעדן טאָג וואָס מען ציילט די סְפִירָה פון דעם דאָזיגן טאָג, גייען מיר גלייךְ אַרויס פון איין טויער פון טוּמְאָה און מען דערגרייכט איין שַׁעַר פון די קְדוּשָּׁה. אַזוי ציילט מען טאָג נאָךְ טאָג, מען וואַרט און מען האָפט אויף דעם טאָג פון מַתַּן תּוֹרָה. מיט די מִצְוָה באַקומען מיר כּוֹחוֹת צו אויסוואַרטן און האָפן דערצו.

גאָר אַסאַךְ מאָל געשעט אַז אַ אידיש קינד ווייל זיךְ מְקַדֵּשׁ זיין, ער וויל אָנהייבן אַ נייע בְּלאַט נישט געדענקען וואָס איז געווען מיט אים בעפאָר, אָבער דער יֵצֶר הָרָע ווייל אים נאָר אָראָפּוואַרפן און אים מְיַיאֵשׁ זיין, דאַרף ער אָבער ווייטער זיךְ אָנהאַלטן און וואַרטן און ציילן מיט עַקְשָׁנוּת ווען עס וועט קומען די מינוט און ער וועט זוֹכֶה צו וואָס יעדער איד קען זוֹכֶה זיין "זיין אַן ערליכער איד".

מיר דאַרפן געדענקען - אין די טעג וואָס מיר ציילן און וואַרטן אויף אונזער יְשׁוּעָה - וואָס דער הייליגער רֶבִּי האָט געשריגן מיט אַ הויךְ קול: "גִיוואַלד! זייט אייךְ נישט מְיַיאֵשׁ!". דאָס האָט דער רֶבִּי אויסגעשריגן פאַר אַלע דוֹרוֹת שפּעטער, אַז קיין יֵאוּשׁ איז נישט פאַרהאַן פאַר קיין שום איד. ווייל פאַר יעדן איינעם דאַכט זיךְ אַז דער רֶבִּי האָט נישט אים געמיינט מיט די ווערטער, איךְ האָב אַזעלכע מאָדנע און גראָבע נִסְיוֹנוֹת, וואָס לאָזט מיר נישט בְּשׁוּם אופן ווערן נאָנט צום אויבערשטן. אַזעלכע דִמְיוֹנוֹת דרייט זיךְ ביי גאָר אַסאַךְ קינדער אין קאָפּ.



דער אֱמֶת איז אָבער אַז דאָס געשריי וואָס דער רֶבִּי האָט אויסגעשריגן מיינט אַוודאי יאָ 'יעדן איינציגן איד', אין אַלע זיינע מַצָּבִים. ווייל אֲפִילוּ אַ איד זאָל געבן נאָר אַ קליין בענק צום באַשעפער, ער רוקט זיךְ מיט אַ קליינע תְּנוּעָה צום אויבערשטן מיט דעם אַליין קען ער זייער נאָנט ווערן צום באַשעפער.

דער אויבערשטער זאָל העלפן מיר זאָלן זוֹכֶה זיין זיךְ צו רייניגן און הייליגן דורךְ די מִצְוָה פון סְפִירַת הָעוֹמֶר, און זוֹכֶה זיין צו מַתַּן תּוֹרָה וואָס זאָל מַמְשִׁיךְ זיין אויף אונז גרויס רַחֲמָנוּת און חֲסָדִים און די גְאוּלָּה שְׁלֵמָה בְּקָרוֹב, אָמֵן.




טַייעֶרֶע קִינְדֶער, יָארְן צוּרִיק לֶערְנֶענְדִיג דִי שִׂיחָה וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט "מֶען קֶען פַאַרְשְׁפְּרֶעכְן אַ בִּיקְס, זִי זָאל נִישְׁט שִׁיסְן, [הֲלֹא יְכוֹלִים לִלְחֹשׁ עַל קְנֵי שְׂרֵפָה שֶׁקּוֹרִין בִּיקְס שֶׁלֹּא תִּהְיֶה מוֹרָה] , (חַיֵּים מוֹהֲרַ"ן תל"ח) הָאבּ אִיךְ מִיט מַיין קְלֵיינְטְשִׁיגֶע מֹחַ נִישְׁט גֶעקֶענְט פַאַרְשְׁטֵיין וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אַז מֶען קֶען אָפְּשְׁפְּרֶעכְן אַ בִּיקְס, דָאס מֵיינְט אַז מֶען קֶען מִיט אַ דִּבּוּר - אַ לַחַשׁ אָפְּשְׁטֶעלְן דֶער בִּיקְס זָאל נִישְׁט שִׁיסְן, טַאקֶע מִיט מַיין שֵׂכֶל הָאבּ אִיךְ דָאס נִישְׁט פַאַרְשְׁטַאנֶען ווִיאַזוֹי אַרְבֶּעט דָאס? מֶען זָאגְט עֶפֶּעס אַ דִּבּוּר אוּן דֶער בִּיקְס וֶוערְט פַאַרְהַאקְט? וַוייל נָאר מִיט אֱמוּנָה - וֶוען מֶען גְלֵייבְּט אַז וָואס דִי צַדִּיקִים שְׁרַייבְּן אוּן לֶערְנֶען אוּנְז אִיז אֱמֶת, וְיַצִּיב וְנָכוֹן, נָאר דֶעמָאלְט קֶען מֶען פַאַרְשְׁטֵיין זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע רֵייד.

דָאס יָאר עֶרֶב פֶּסַח וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעשֶׁעְן מִיט עֶטְלִיכֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ע בָּחוּרִים וֶועלְכֶע זֶענֶען נָאךְ אַ נַאכְט אוֹיפְזַיין צוּ דִי הֲכָנוֹת פַאר פֶּסַח אוּן דֶערְנָאךְ גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען וָתִיקִין צוּ רֶעדְן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן זֵיי פַאַרְבְּרֶענְט דִי חָמֵץ אוּן גֶעזָאגְט דֶעם כָּל חֲמִירָא, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין פַאַרְשְׁטַאנֶען אַז וֶוען אַ אִיד פִילְט זִיךְ אָן מִיט דִיבּוּרִים צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דָאס מוֹיל אִיז נִישְׁט פַאַרְהַאקְט, מִיט דֶעם טוּט עֶר פַאַרְשְׁפְּרֶעכְן אַלֶעם בֵּייזְן אוּן דֶער בִּיקְס וֶוערְט פַאַרְהַאקְט! אֲפִילוּ אַזַא שְׁוֶוערֶע עַיִן-הָרָע פוּן דֶער פָאלְק יִשְׁמָעֵאל קֶען עֶר פַאַרְשְׁפְּרֶעכְן מִיט זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן מִיט זַיין מוֹיל.

דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן זִיךְ בּוֹיעֶן דִי אֱמוּנָה אִין הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, צוּ וִויסְן קְלָאר אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז בַּעַל-הַבַּיִת אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס קֶענֶען קוּמֶען ווִילְדֶע אַרַאבֶּער אוּן פָארְן אִיבֶּער בַּחוּרֵי-יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶערְנָאךְ ווִילְן זֵיי דֶערְשִׁיסְן, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט: "נֵיין, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט שִׁיסְן, אִיךְ ווִיל דִי בָּחוּרִים זָאלְן זִיצְן בַּיים סֵדֶר נַאכְט אוּן מִיר דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן אוּן מְפַרְסֵם זַיין מַיין נָאמֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר פִּירְט אַלֶעס"

דִי מַעֲשֶׂה טוּט אוּנְז אוֹיךְ שְׁטַארְקְן אוּנְזֶער אֱמוּנַת חֲכָמִים אַז וָואס דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אוּנְז אִיז אֱמֶת.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי'ן וָואס לֶערְנְט אוּנְז ווִיאַזוֹי אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי וֶועלְט אוּן לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, אוּן פַאר אוּנְז אִיז דָאס אַ לִמּוּד נִישְׁט צוּ הָאבְּן אַ פַאַרְהַאקְטֶע מוֹיל נָאר לָאזְן דִי לִיפְּן פְרַייא צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַלֶעמָאל אוּן אִיבֶּעראַל.



# טייערע ברסלב'ע קינדער

מיר האבן בעז"ה געמאכט די גורלות פון די לעצטע פאר וואכן, אזוי אויך איין גרעסערע גורל פאר די קינדער וואס האבן אריינגעשיקט תשובות וואס איז ערשינען אין דער פסח ליכט

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| בערגער ועני 5 | שמיני | הילד הח' אליהו שווארטץ | **1603 | ירושלים |
| בערגער ועני 6 | תזריע | הילד הח' נחמן דוב הלפרין | **1918 | בית שמש |
| בערגער ועני 7 | מצורע-פסח | הילד הח' שלומי אייזנבאך | **2073 | בית שמש |

דער געווינער אויף א סערטיפיקאט פון 50 ש"ח איז:

**הילד החשוב לוי יצחק בולמאן, בית שמש**

# א פייער'דיגער בחור אין קאַלטן סיביר



'נטע גורעליק' איז געווען דער נאמען פון אן איידעלער בחור, א ברסלב'ע מקורב. אויפגעוואקסן איז ער אינעם רוסישן שטאט מינסק, וואס זינט ער איז אנגעקומען קיין אומאן אין די תר"צ יארן, ווי ער איז נתקרב געווארן צום הייליגן רבי'ן, האט ער געלעבט א העכערע סארט לעבן, א לעבן פיל מיט כיסופים און דביקות צום אייבערשטן.

זיין דערהויבנקייט און דביקות אין עבודת השם האט בכלל נישט געשמעקט פאר די רוסישע ק.ג.ב. אגענטור, וועלכע האבן געפירט א שטענדיגע קאמף מיט יעדע סארט נייגונג וועלכע האט געקענט אנדייטן אויף "אידישע פראקטיצירונג". 'נטע גורעליק' איז גאר שנעל ארויף אויף זייערע ראדארן אלס איינער וועלכע שטעלט א געפאר פאר'ן 'מוטער לאנד' רוסלאנד.

עס האט נישט גענומען קיין לאנגע צייט ביז נטע איז נעבעך פאראורטיילט געווארן צו דריי יאר צוואנגס-ארבעט אינעם פרעסטיגן 'סיביר', וואס בלויז ארויסזאגנדיג דאסווארט, ברענגט ארויף שאק און שוידער, אבער פראקטיצירן אידישקייט איז ביי זיי געווען גענוג א שטארקע סיבה פאר אזא הארבע אורטייל.

אנקומענדיג קיין סיביר, האט נטע עפעס אנגעטראפן חן אין די אויגן פון די אויפזעערס דארטן, און זיי האבן אים פאַראָרדנט, אז אנשטאט מיטצוטיילן און אויסשטיין די ציפעדיגע טויטליכע פרעסטן, פון וואו - פיל פון די אנגעקומענע 'געסט' האבן באוויזן מיטצומאכן בלויז 'דעם ערשטן ווער'... נישט קענענדיג אויסשטיין די שווערע ארבעט און אומדערטרעגליכע פרעסטן דורכאויס לאנגע שעות אונטערן בלויזן הימל.

נטע איז אבער ארייגעשטעלט געווארן אין א ווארעמערע שטוב, ווי עס איז געווען סטאנציאנירט די הויפט הייצונג סיסטעם פונעם גאנצן לאגער, ווי ער איז באאויפטראגט געווארן אנצופירן מיט די הייצונג. ווי



פארשטענדליך איז דאס געווען דער וואונטש פון יעדן ארעסטאנט זיך צו קענען געפונען שטענדיג אין א געביידע וועלכע פארמאגט הייצונג.

נטע'ס פרייד איבער זיין גורל'דיגע געווינס האט אבער נישט אנגעהאלטן לאנג. קוים נאכן זיך איינקווארטירן מיט זיין ביסל האב און גוטס, האט ער באמערקט דעם בראך. אינעם זעלבן באראק האבן די רוסן אריינגעלייגט א גוי'יש מיידל, א טאכטער פון א גלח, און אט יעצט האט נטע געכאפט וואס דאס באדייט פאר אים, ער וועט זיך דארפן אויפהאלטן אין א באראק פאר די קומענדיגע דריי יאר, איינער אליינס גענצליך אפגעזונדערט פון סיי וועלכע משפחה פארבינדונג - מיט א גוישע מיידל. א טרייסל איז אים דורך אין די ביינער.

אונטער נארמאלע אומשטענדן וואלט דאס זיך אויפהאלטן אינעם ווארעמען באראק געווען ווי א גן עדן אין סיביר, אבער יעצט, זייענדיג פארבינדן מיט אזעלכע אומגעהויערע נסיונות אויף יעדן טריט און שריט, איז דאס ליבערשט פארוואנדלט געווארן פון א מאטעריאליסטישע באקוועמליכקייט צו א רוחניות'דיגן פארטיליגונגס לאגער. נטע איז געווען פארלוירן, "ווי וועל איך קענען דורכמאכן דא דריי יאר אונטער א שטענדיגע קאמף מיטן פלאמעדיגן יצר הרע?" פלעגן אים זיינע געדאנקען פלאגן.

פאר נטע, האט גלייך אריינגעבליצט אין קאפ וואס זיין באשלוס און גורל וועט זיין, ער האט געטראכט צו זיך: "איך האב טאקע נישט קיין פיזישע אויסוועג זיך ארויסצודרייען פונעם פלאָנטער" – "אבער" - האט ער פעסט באשלאסן ביי זיך: "איך בין אריינגעקומען דא הייליג, און איך וועל פארלאזן דאס פלאץ לויטער און ריין".

'וויאזוי'? פאר נטע וועלכע האט שוין אנגעיאגט זיך צו דערווייסן איבערן אומשאצבארן כח התפילה, איז גלייך קלאר געווען, אז דאס וועט זיין די איינציגסטע וואפן וועלכע וועט זיין גענוג מאכטפול בייצוקומען דעם לאנגן, דריי-יעריגן, נסיון.

אין די פריע פארטאגס שעה'ן פלעגט נטע מאכן זיין וועג ארויס פונעם לאגער, ערגעץ טיף צו א פוסטע אפגעזונדערטע שטח וועלכע איז געווען באדעקט מיט א שניי-ציכטיגן איבערדעק, ווי סיי וועלכן לעבעדיגן געשטאלט האט נאך נישט באוויזן צו באטרעטן, דארטן, האט נטע זיך אויפגעהאלטן פון די פריע פארטאגס שעה'ן ביז צו די שפעטע נאכט שטונדן ווען די זייגער האט שוין געוויזן אויף די קליינע נומערן. און אט אזוי האט ער דארט געשריגן צום רבונו של עולם, מיט א קול געשטיקט פון הייסע טרערן:

"רבונו של עולם, איך בעט דיר, אויב דו ווייסט אז איך וועל חלילה נישט קענען ביישטיין דעם נסיון, און איך וועל נישט קענען בלייבן גענצליך ריין און לויטער ווי ביז יעצט, דאן וויל איך נישט לעבן מער! איך בעט דיר, נעם

צוריק מיין נשמה צום כסא הכבוד שוין 'תיכף ומיד'" - - -

אזוי איז אריבערגעלאפן איין טאג, און א צווייטע, און פון א צווייטע צו א דריטע, א וואך נאך א וואך, חודש נאך חודש און יאר צו יאר. די געבעהט איז ארויסגעשריגן געווארן פון טיפסטן הארצן מיט א ריינע אמת, באגלייט מיט יאמערליכע געשרייען, ביז ער איז אנידערגעפאלן מאכטלאז, זיך אפרועענדיג עטוואס – צו קענען נאכאמאל שרייען...

צומאל פלעגט ער שפירן, אז נאך איין געשריי - און זיין הארץ רייסט זיך ארויס פון ארט, און אט גייט ער אויס, אבער ער איז פולקאם גרייט געווען דערויף. וואס האב איך פון מיין לעבן, אויב וועל איך ח"ו פארראטן מיין באשעפער וואס האט מיר באשאפן? - פלעגט ער שטענדיג חזר'ן צו זיך.

דער אייבערשטער האט נישט פארלאזט נטע'ן. נטע האט ווירקליך באוויזן בייצוקומען דער נסיון פון יוסף הצדיק, פארענדיגנ'דיג דריי יאר פון א שווערע געראנגל מיטן ס"מ זעלבסט.

ווען דער ענדגילטיגע טאג פון זיין באפרייאונג איז אנגעקומען, האבן די ארעסטאנטן אפגעראכטן אן אזוי-גערופענע גרויסע 'מסיבת פרידה'. און דאן האט זיך דאס גוי'ישע מיידל – וועלכע איז געווען א געלערנטע - אויפגעשטעלט, און שטיל געמאכט די פארזאמלטע, זיך אנרופנדיג: "אויב איז נאך דא אויף דער וועלט איין ריינע און הייליגער בחור - דאַן איז עס אָט דער איינער!" טייטלנדיג מיט אירע פינגער צו נטע'ס ריכטונג!



אלע זענען געשטאנען געפלעפט מיט אפענע מיילער... דער קידוש השם וואס האט דארטן אפגעקלינגען איז איבריג צו דערציילן!

א צייט שפעטער, ווען נטע האט איבערדערציילט זיין איבערלעבעניש פאר הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ע"ה און נאך זקנים פון אונזערע לייט אין אומאן, האט ער זיך אויסגעדריקט צו אים: "ווען איך וואלט נישט געוואוסט די עצה פון 'תפילה' וויאזוי דער הייליגער רבי געבט דאס ארויס, וואלט איך נישט בייגעשטאנען דעם נסיון! עס ווערט אויך דערציילט אז די עלטערע אידן אין אומאן האבן געגאסן טרערן ווען זיי האבן געהערט זיין געשיכטע, וויאזוי א אינגער בחור'ל האט געקענט ביישטיין אזא שווערע נסיון...

[לויט איין גירסה האט ער גאר געוואוינט דריי יאר ביים גלח אין שטוב. נטע האט אויך זוכה געווען צו בלאזן שופר באהאלטענערהייט פאר הרה"ח רבי לוי יצחק בענדער ז"ל ווען ר' לוי יצחק האט זיך באהאלטן פון די רוסן, דאס איז געווען דעם צווייטן טאג ראש השנה, יאר תרצ"ט]

(שפעטער איז נטע נאכאמאל פארשיקט געווארן נאכ'ן פרובירן צו שתדל'ען צו באפרייען דעם איינע פון די גרויסע רוסישע רבי'ס. פון דאן אן האט מען אים מער נישט געזען... יהא זכרו ברוך, בתוך שאר הצדיקים והחסידים שנרצחו דמם על קדושת השם. הי"ד).

# נִישְׁט אַלֶעס דֶערְצֵיילְט מֶען...

קִינְדֶער, וָואס זָאל מֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן? לָאמִיר זֶען אַן אִינְטֶערְעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה.

פַאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יִשְׂרָאֵל דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב [דעם רבי׳נס זיידע] אִיז גֶעבּוֹירְן אִיז גֶעוֶוען נָאךְ יָארְן פְרִיעֶר אַ בַּעַל-שֵׁם - מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן ׳רֶבִּי אָדָם בַּעַל-שֵׁם׳! עֶר אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ יָארְן פָארְן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

רֶבִּי אָדָם׳ס טַאטֶע, הָאט גֶעוואוֹינְט אִין צְפַת, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּט׳ער אִידְן, אִין דֶער וֶועלְט הָאט עֶר גֶעהֵייסְן אַ פְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶער אֱמֶת׳דִיג אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען אַ פְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ!

עֶר הָאט אֵיינְמָאל גֶעטוּן עֶפֶּעס אַ מִצְוָה, אוּן קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן דִי מִצְוָה, אִין דֶער וֶועלְט הָאט קֵיינֶער פוּן דִי מִצְוָה נִישְׁט גֶעוואוּסְט! אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל גֶעוָוארְן אַ רַעַשׁ; ׳אַזַא מִצְוָה טוּהְן, אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דֶער מִצְוָה, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דֶער מִצְוָה?!׳

אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיבְן אִין הִימְל, אַז מֶען וִויל אִים גֶעבְּן עֶפֶּעס אַ בַּאלוֹינוּנְג פַאר דִי מִצְוָה! הָאט מֶען גֶעשִׁיקְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא צוּ אִים.

אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן דֶער אִיד זָאגְט פַאר אֵלִיָּהוּ: ״נוּ גוּט, וָואס וִוילְט אִיר?!״ עֶנְטְפֶערְט אִים אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא: ״אַזוֹי ווִי אִיר הָאט גֶעטוּן אַזַא מִצְוָה, אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דֶער מִצְוָה, אַז דִי וֶועסְט מִיר אוֹיסְזָאגְן פוּן דִי מִצְוָה וֶועל אִיךְ קוּמֶען יֶעדֶע נַאכְט לֶערְנֶען מִיט דִיר!״ זָאגְט דֶער אִיד פַאר אֵלִיָּהוּ; ״אִיךְ ווִיל דִיר נִישְׁט דֶערְצֵיילְן דִי מִצְוָה, אוּן קוּם נִישְׁט לֶערְנֶען!! ״וָואס הֵייסְט? אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ דִיר?!״ טַעֲנָה׳ט צוּ אִים אֵלִיָּהוּ: אָבֶער דֶער אִיד הַאלְט זִיךְ בַּיי דָאס זַיינִיגֶע: ״נֵיין! אִיךְ ווִיל נִישְׁט!!״

אִיז גֶעוָוארְן נָאךְ מֶער אַ רַעַשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל. אַזַא זַאךְ? אֵלִיָּהוּ קוּמְט צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ אַרַיין אוּן ווִיל מִיט אִים לֶערְנֶען יֶעדֶע נַאכְט, וֶוער הָאט דֶען אַזַא זְכִיָּה? זֶען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט! אוּן לֶערְנֶען אוּן דֶער אִיד ווִיל נִישְׁט?! אִיז גֶעוָוארְן אַ רַעַשׁ אוֹיבְן, אַזַא בַּאהַאלְטֶענֶער אִיד! הָאט מֶען בַּאשְׁטִימְט אוֹיבְן אַז מֶען וֶועט אִים גֶעבְּן אַ זוּן וָואס עֶר וֶועט שׁוֹין רַעְשָׁ׳ן אוֹיף דֶער וֶועלְט! הָאט עֶר טַאקֶע גֶעבּוֹירְן אַ אִינְגְל אוּן שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר אוֹיסְגֶעוואוּקְסְן ׳רֶבִּי אָדָם בַּעַל-שֵׁם׳.

פַארְוָואס? וַוייל עֶר הָאט גֶעטוּן אַזַא מִין זַאךְ! צוּ זַיין אַזַא מִין הַצְנֵעַ לֶכֶת, נֵיין, אִיךְ ווִיל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן! (טעם זקנים)

קִינְדֶער מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דֶעם אַז נִישְׁט אַלֶעס וָואס מִיר טוּעֶן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם דַארְף מֶען פַארְצֵיילְן פַאר אַ צְוֵייטְן, מֶען קֶען עֶס דֶערְצֵיילְן פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן...



טרעף די וועג צו מערת אליהו, וואו דער הייליגער רבי האט מתפלל געווען



אַמָאל אִיז זִי צוּ אִים גֶעקוּמֶען – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אִיר אוֹיפְגֶעעֶפְנְט דָאס ׳חֵדֶר׳ [צִימֶער], וָואס דָארְט זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען דִי ׳גִילְדֶענֶע פֵייגְל׳ וְכוּ׳.

הָאט זִי גֶעזֶעהְן: [אַז] סְ׳אִיז זֵייעֶר אַ ׳וִוילְד [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] חִידוּשׁ׳!

אוּן דִי ׳אִיבְּרִיגֶע מֶענְטְשְׁן׳ וָואס זֶענֶען מִיט אִיר גֶעוֶוען (דְהַיְינוּ: דִי ׳וַואךְ׳ וְכוּ׳), הָאבְּן אוֹיךְ גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין אִין דֶעם ׳חֵדֶר׳ [צִימֶער] – הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״נֵיין״! ״נֵיין״! ״דָאס וַוייז אִיךְ נִישְׁט [פַאר] קַיין שׁוּם ׳מֶענְטְשְׁן׳, נָאר [פַאר] דִיר, וַוייל דוּ בִּיזְט דֶעם ׳קֵיסָר׳ס טָאכְטֶער׳ – אָבֶער פַאר ׳אַנְדֶערֶע׳, וִויל אִיךְ דָאס גָארְנִישְׁט וַוייזְן״!

אִיז זִי אַלֵיין אַהִין אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען!

אִיז עֶר [דֶער רוֹצֵחַ] אוֹיךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם ׳חֵדֶר׳ אַרַיין – אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁלָאסְן דִי ׳טִיר׳ – אוּן עֶר הָאט גֶעטָאן פְּרָאסְטֶע [פָּשׁוּט אוּן פְּרָאסְט], אוּן הָאט גֶענוּמֶען אַ ׳זַאק׳, אוּן הָאט זִי מִיט גֶעוַואלְד [גֶעצְוִוינְגֶענֶערְהֵייט] אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין ׳זַאק׳ אַרַיין – אוּן עֶר הָאט פוּן אִיר אַרָאפְּגֶענוּמֶען אַלֶע אִירֶע ׳קְלֵיידֶער׳.

אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעטָאן דִי ׳קְלֵיידֶער׳ [פוּנֶעם ׳בַּת־קֵיסָר׳] – [פַאר] אַ ׳מַאטְרָאס׳ – אוּן עֶר הָאט אִים פַארְהָאנְגֶען דָאס ׳פָּנִים׳ – אוּן הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעשְׁטוּפְּט – אוּן עֶר הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: ״גֵיי״!

אוּן דֶער ׳מַאטְרָאס׳ – עֶר וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וָואס מִיט אִים טוּט זִיךְ!

אוּן תֵּיכֶף וִוי עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן דָאס ׳פָּנִים׳ אִיז אִים גֶעוֶוען פַארְהָאנְגֶען – אוּן דָאס ׳חַיִל׳ (דְהַיְינוּ: דִי ׳וַואךְ׳), הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט (אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי ׳בַּת־קֵיסָר, נָאר אַ ׳מַאטְרָאס׳).

הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִים צוּ גֵיין תֵּיכֶף – זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט, אַז דָאס אִיז דִי ׳בַּת־קֵיסָר׳!

אוּן דֶער ׳מַאטְרָאס׳ אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דֶעם ׳חַיִל׳, וואוּ זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפִירְט – אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ עֶר אִיז אִין דֶער וֶועלְט – בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין דֶעם ׳חֵדֶר׳ אַרַיין, וָואס דִי ׳בַּת־קֵיסָר׳ אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן – הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעדֶעקְט [אוֹיפְגֶעדֶעקְט] דָאס ׳פָּנִים׳ – הָאט מֶען דֶערְזֶעהְן: ״אַז דָאס אִיז גָאר אַ ׳מַאטְרָאס׳״ – אִיז גֶעוָוארְן דָארְט, זֵייעֶר אַ ווִילְדֶער ׳רַעַשׁ׳!

(אוּן דֶעם ׳מַאטְרָאס, הָאט מֶען אָנְגֶעפַּאטְשְׁט גַאנְץ גוּט אִין ׳פָּנִים׳ – אוּן מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעשְׁטוּפְּט – וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ קַיין ׳חַיָיב׳ נִישְׁט [עֶר אִיז גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג], וָוארְן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט).

אוּן דֶער ׳רוֹצֵחַ׳ הָאט גֶענוּמֶען דִי ׳בַּת־קֵיסָר׳ – אוּן עֶר הָאט גֶעוואוּסְט, אַז מֶען וֶועט אִים בְּוַודַאי נָאכְיָאגְן.

אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶער ׳שִׁיף׳ – אוּן עֶר הָאט זִיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטְן אִין אַ ׳גְרוּבּ׳, וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען ׳רֶעגְן־וַואסֶער׳ – בִּיז

דֶער 'רַעַשׁ' וֶועט אִיבֶּערְגֵיין [אַרִיבֶּערְגֵיין].

און [פַּאר] דִי 'מַאטְרָאסְן' פוּן דֶער 'שִׁיף' הָאט עֶר אָנְגֶעזָאגְט: "אַז זֵיי זָאלְן תֵּיכֶף אָפְּשְׁנַיידְן דִי 'אַנְקֶערְס [דִי 'שִׁיף' זָאל אַוֶועקְפָארְן], און זֵיי זָאלְן תֵּיכֶף אַנְטְלוֹיפְן – וָוארְן מֶען וֶועט זֵיי בְּוַודַאי תֵּיכֶף נָאכְיָאגְן – און 'שִׁיסְן' וֶועט מֶען בְּוַודַאי נִישְׁט צוּ דֶער 'שִׁיף', מַחֲמַת [צוּלִיבּ דֶער 'בַּת־קֵיסָר' – וָוארְן זֵיי וֶועלְן זִיךְ מֵיינֶען, אַז זִי אִיז דָארְט אִין דֶער 'שִׁיף' – נָאר זֵיי וֶועלְן אַייךְ נָאכְיָאגְן – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] זָאלְט אִיר אַנְטְלוֹיפְן תֵּיכֶף – [און אוֹיבּ] וֶועט מֶען אַייךְ 'כַאפְּן' – וָואס אִיז?"!

אַזוֹי־וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז פוּן 'רוֹצְחִים', [אַז] זֵיי קוּקְן אוֹיף זִיךְ גָארְנִישְׁט (כְּלוֹמַר: זֵיי זֶענֶען זִיךְ מַפְקִיר).

און אַזוֹי אִיז [טַאקֶע] גֶעוֶוען – [אַז] סְ'גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער 'רַעַשׁ' – און מְ'הָאט זֵיי תֵּיכֶף נָאכְגֶעיָאגְט! – נָאר מְ'הָאט זִי דָארְט נִישְׁט גֶעפוּנֶען.

און דֶער 'רוֹצֵחַ' הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט אִיר, אִין אַ 'גְרוּבּ' פוּן 'רֶעגְן־וַואסֶער' – און זֵיי זֶענֶען דָארְט גֶעלֶעגְן.

און עֶר הָאט זִי גֶעשְׁרָאקְן [דֶערְשְׁרָאקְן]: "אַז זִי זָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן – כְּדֵי מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט דֶערְהֶערְן"!

און עֶר הָאט צוּ אִיר אַזוֹי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ מִיךְ 'מוֹסֵר־נֶפֶשׁ' גֶעוֶוען פוּן דַיינֶעטְוֶועגְן, כְּדֵי אִיךְ זָאל דִיךְ 'כַאפְּן' – און אַז אִיךְ זָאל דִיךְ וִוידֶער אָנְוֶוערְן [דֶערְלֵייגְן], אִיז מַיין לֶעבְּן בַּיי מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד – וָוארְן וַוייל [וִויבַּאלְד] דוּ בִּיזְט שׁוֹין בַּיי מִיר אִין דִי 'הֶענְט', [אִיז] אַז אִיךְ זָאל דִיךְ וִוידֶער אָנְוֶוערְן [דֶערְלֵייגְן], און מְ'זָאל דִיךְ אָפְּנֶעמֶען פוּן מִיר – אִיז שׁוֹין מַיין לֶעבְּן בַּיי מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד – דְרוּם [דֶערִיבֶּער] וִויבַּאלְד דוּ וֶועסְט נָאר אַ גֶעשְׁרֵיי טָאן – וֶועל אִיךְ דִיךְ תֵּיכֶף דֶערְוַוארְגְן [דֶערְוֶוערְגְן] – און לָאז [זָאל] זִיךְ שׁוֹין מִיט מִיר טוּהְן, וָואס סְ'וֶועט זִיךְ טוּהְן – וָוארְן אִיךְ בִּין שׁוֹין בַּיי מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד"!

הָאט זִי מוֹרָא גֶעהַאט פַאר אִים (כְּלוֹמַר: דִי 'בַּת־קֵיסָר' וָואס זִי אִיז גֶעלֶעגְן אִין דֶעם 'גְרוּבּ' מִיט דֶעם 'רוֹצֵחַ', הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ שְׁרֵייעֶן – וַוייל דֶער 'רוֹצֵחַ' הָאט זִי גֶעשְׁרָאקְן [דֶערְשְׁרָאקְן]).

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט מִיט אִיר – און עֶר הָאט זִי גֶעפִירְט אִין 'שְׁטָאט' – און זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען און גֶעגַאנְגֶען – און זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ 'אָרְט' – און דֶער 'רוֹצֵחַ' הָאט פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז דָארְט זוּכְט מֶען אוֹיךְ"! – הָאט עֶר זִיךְ מִיט אִיר וִוידֶער בַּאהַאלְטְן אִין אַ 'מִקְוֶה'.

און דֶערְנָאךְ אִיז עֶר פוּן דָארְט אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען – און אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ 'אַנְדֶער אָרְט' – הָאט עֶר זִיךְ דָארְט אוֹיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטְן, אִין אַ 'אַנְדֶער וַואסֶער'.

און אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטְן, אַלֶעמָאל אִין אַ 'אַנְדֶער וַואסֶער' – בִּיז עֶר הָאט זִיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטְן, אִין דִי אַלֶע 'זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶערְן', וָואס דֶער 'בֶּערְגֶער' הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט אִיר 'מוּטֶער', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – וָואס דָאס זֶענֶען דִי 'זִיבְּן

עֵדוּת׳, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען מִיט אִיר אוֹיף דֶעם ׳יַם׳!

הָאט דֶער ׳רוֹצֵחַ׳ דָארְט גֶעזוּכְט, [צוּ טְרֶעפְן] כָאטְשֶׁע אַ ׳קְלֵיין שִׁיפְל׳ פוּן דִי וָואס כַאפְּן ׳פִישׁ׳ – כְּדֵי עֶר זָאל מִיט אִיר אַרִיבֶּער.

הָאט עֶר גֶעפוּנֶען אַ ׳שִׁיף׳ – הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי ׳בַּת־קֵיסָר׳!

אוּן עֶר הָאט זִי נִישְׁט גֶעדַארְפְט, וָוארְן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ ׳סָרִיס׳, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – נָאר עֶר הָאט גֶעוָואלְט זִי פַארְקוֹיפְן צוּ אַ ׳מֶלֶךְ׳ – אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט: ״טָאמֶער וֶועט מֶען זִי אַוֶועקְכַאפְּן בַּיי אִים״?! – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זִי אָנְגֶעטָאן אִין [מִיט] ׳קְלֵיידֶער׳ פוּן אַ ׳מַאטְרָאס׳ – הָאט זִי אַ ׳פָּנִים׳ גֶעהַאט וִוי אַ ׳זָכָר׳.

אוּן דֶער ׳רוֹצֵחַ׳ אִיז מִיט ׳אִים׳ גֶעפָארְן אוֹיף דֶעם ׳יַם׳ (דְהַיְינוּ: מִיט דֶער ׳בַּת־קֵיסָר׳, וָואס מִיר רוּפְן זִי אָן בִּלְשׁוֹן ׳זָכָר׳ – מַחֲמַת [וַוייל] דֶער ׳רוֹצֵחַ׳ הָאט זִי אַזוֹי פַארְשְׁטֶעלְט, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

אִיז גֶעקוּמֶען אַ ׳שְׁטוּרֶעם־וִוינְט׳ – אוּן הָאט אַוֶועקְגֶעטְרָאגְן דִי ׳שִׁיף׳ צוּ אַ ׳בָּארְטְן׳ – אוּן דִי ׳שִׁיף׳ אִיז צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם ׳בָּארְטְן׳ וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען דִי ׳מִדְבָּר׳, וָואס דָארְט אִיז גֶעזֶעצְן דֶער ׳בָּחוּר׳ הַנַ״ל [דֶעם ׳בֶּערְגֶערְ׳ס זוּהְן׳].

וִוי זֵיי זֶענֶען אַהִינְגֶעקוּמֶען – אוּן דֶער ׳גַזְלָן׳ אִיז גֶענִיט [בַּאקַאנְט] גֶעוֶוען אִין וֶועגְן, אַזוֹי־וִוי זֵייעֶר סֵדֶר אִיז – הָאט עֶר גֶעוואוּסְט: ״אַז דָא אִיז אַ ׳אֶרֶץ׳ פוּן ׳מִדְבָּר׳, וָואס קַיין ׳שִׁיפְן׳ קוּמֶען אַהֶער נִישְׁט״ – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיב דֶעם] הָאט עֶר דָא שׁוֹין קַיין מוֹרָא נִישְׁט גֶעהַאט, פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשְׁן – הָאט עֶר זִי גֶעלָאזְט!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען (דְהַיְינוּ: דֶער ׳רוֹצֵחַ׳, אוּן דִי ׳בַּת־קֵיסָר׳) – דֶער אַהֶער, אוּן דֶער אַהֶער – זֵיי זָאלְן זִיךְ זוּכְן עֶפֶּעס ׳עֶסְן׳!

הָאט זִי זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דֶעם ׳גַזְלָן׳!

אוּן דֶער ׳גַזְלָן׳ אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין זַיין וֶועג – אוּן עֶר הָאט דֶערְזֶעהְן: ״אַז זִי אִיז נִישְׁט דָא נֶעבְּן אִים״! – הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן צוּ אִיר!

אוּן זִי הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען – אוּן הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט – וָוארְן זִי הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט: ״[וַוייבַּאלְד] מַיין ׳סוֹף׳ אִיז זִיךְ, [אַז] עֶר וֶועט מִיךְ פַארְקוֹיפְן – [אוֹיבּ אַזוֹי] נָאךְ וָואס [פַארְוָואס] זָאל אִיךְ אִים עֶנְטְפֶערְן?! – [אוּן] אוֹיבּ עֶר וֶועט וִוידֶער אָנְקוּמֶען צוּ מִיר – וֶועל אִיךְ אִים עֶנְטְפֶערְן: [אַז] אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט – בִּפְרַט [אַז] הַרְגֶ׳עֶנֶען וִויל עֶר זִיךְ [דָאךְ] מִיךְ נִישְׁט – וָוארְן עֶר וִויל זִיךְ מִיךְ פַארְקוֹיפְן״!

הָאט זִי אִים [טַאקֶע] נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט – אוּן זִי אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען!

אוּן דֶער ׳גַזְלָן׳ הָאט זִי גֶעזוּכְט אַהִין אוּן אַהֶער – אוּן עֶר הָאט זִי נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפִינֶען – אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען – אוּן עֶר הָאט זִי [נָאךְ] אַלְץ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפִינֶען!

אוּן מִן־הַסְתָּם הָאבְּן אִים [דֶעם ׳רוֹצֵחַ־גַזְלָן׳] ׳חַיּוֹת־רָעוֹת׳ אוֹיפְגֶעגֶעסְן!

:pe ________________



# לאמיר זיך פארהערן



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטןארימאן (8)

**א. וואס האט ער איר באוואוזן איינע פון די מאלן וואס זי איז צו אים געקומען?**

- ❑ זילבערנע כלים וואס ער האט געהאט
- ❑ די צימער וואס דארט זענען געשטאנען די גאלדענע פייגעלעך
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס האט דער רוצח געטאן ווען ער איז אריין אין צימער מיט די טאכטער פון קיסר?**

- ❑ ער האט איר מיט געוואלד אריין געלייגט אין א זאק
- ❑ ער האט אראפ גענומען אירע אלע קליידער און האט עס אנגעטאן פאר א מאטראס און פארדעקט זיין פנים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וואס האט מען געטאן פאר'ן מאטראס נאכדעם וואס מ'האט געזען אז ער איז אנשטאט די בת קיסר?**

- ❑ מ'האט אים פארשיקט
- ❑ מ'האט אים גע'הרג'עט
- ❑ מ'האט אים אנגעפאטשט גאנץ גוט אין פנים און מ'האט אים ארויס געשטופט

**ד. וואו האט זיך דער רוצח ערשט באהאלטן מיט די טאכטער פון קיסר?**

- ❑ אין א גרוב מיט שלענג און עגדיסן
- ❑ אין א מקוה
- ❑ אין א גרוב מיט רעגן וואסער

**ה. אין וועלכע פלעצער האט זיך דער רוצח באהאלטן מיט די טאכטער פון קיסר?**

- ❑ אין זיבן פלעצער, א גרוב, מקוה, היילן, פעלדער, וועלדער, מדבריות, טייכן.
- ❑ אין די אלע זיבן וואסערן וואס דער בערגיר האט זיך באהאלטן מיט איר מוטער.
- ❑ אין א גרוב און אין א מקוה

**ו. וועלכע קליידער האט דער רוצח אנגעטון די טאכטער פון קיסר?**

- ❑ מיט קעניג'ליכע קליידער און זי האט אויסגעזען ווי א קעניג'ן
- ❑ מיט קליידער פון א מאטראס און זי האט אויסגעזען ווי א זכר
- ❑ מיט צוריסענע קליידער און זי האט אויסגעזען ווי א ארימאן

**ז. וואס איז געשען מיטן שיף אינמיטן וועג?**

- ❑ א שטורעם ווינט האט עס צובראכן
- ❑ עס האט זיך איבערגעדרייט
- ❑ גזלנים האבן עס בארויבט

**ח. וואו זענען אנגעקומען דער רוצח און די טאכטער פון קיסר, ווען זיי זענען אראפ פון שיף?**

- ❑ צו א פוסטע מדבר
- ❑ צו די מדבר וואו דער קעניג געפינט זיך דארט
- ❑ צו די מדבר וואו דער זוהן פון בערגיר געפינט זיך דארט

**ט. וואס האט זי געטון ווען דער רוצח האט געשריגן צו איר?**

- ❑ זי האט אים געענטפערט
- ❑ זי האט אים נישט געענטפערט
- ❑ זי האט זיך באהאלטן אונטער א בוים

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**

- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק

טיפער געדאנק

### וואס האט דער רוצח געזוכט? - האט ער דאס געטראפן?



**תשובות פון פאריגע וואך:**

**איף וועמען נאך ווערט דערמאנט אין דער מעשה אז ער איז א "רוצח"? הָאט דֶער בָּחוּר (הבן הבערגיר) אַנְגִיהוֹיבְּן צוּ רֵיידִין מִיט כַּעַס אוּן הָאט גִיזָאגְט. דֶער רוֹצֵחַ.**

**אין וועלכע מעשה נאך ווערט דערמאנט "רוצח"? הָאט דֶער בָּחוּר סוף מעשה פון מלך וקיסר: וָואדִין הַיינְט אִיז נָאךְ גִיוֶוען אִין דֶער שִׁיף דָאס גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת פוּן דִי רוֹצְחִים כַּנַ"ל אין דער מעשה פון דער בעל תפילה: זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבִּין אִז רְצִיחָה אִיז דֶער תַּכְלִית.**



# דעם רבינ'ס משלים

## ווער איז אַ גִבּוֹר?!

טַייעֶרע קִינְדֶער,

**אַסַאךְ מָאל מַאכְט זִיךְ אִין אַ כִּתָּה וואוּ עֶס אִיז דָא אֵיין אִינְגְל וָואס פַאְרְרוּפְט זִיךְ אַלְס דֶער גִבּוֹר אִין כִּתָּה! אִיז עֶר טַאקֶע אַן אֶמֶתְ'ער גִבּוֹר? לָאמִיר צוּזַאמֶען לֶערְנֶען אַ מָשָׁל פוּן רֶבִּי'ן אוּן זֶען...**

אַ גְרוֹיסֶער גִבּוֹר הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען אַ שְׁוֶוערֶע אַקְצִיֶע אַיינְצוּנֶעמֶען גָאר אַ שְׁטַארְקֶע חוֹמָה [וַואנְט] נָאכְדֶעם וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען צוּם טוֹיעֶר, אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן טוֹיעֶר אַ גֶעוֶועב פוּן אַ שְׁפִּין [שְׁפִּין-וֶועבֶּעכְטְס] וָואס הָאט פַארְשְׁטֶעלְט דֶעם טוֹיעֶר, קֶען דֶען זַיין אַ גְרֶעסֶערֶע נַארִישְׁקַייט אַז דֶער גִבּוֹר זָאל צוּרִיקְצִיעֶן פוּן זַיין מִלְחָמָה נָאר וֶועגְן דִי נַארִישֶׁע שְׁפִּין-גֶעוֶועבּ וָואס פַארְשְׁטֶעלְט דֶעם טוֹיעֶר?

"דֶער נִמְשָׁל קֶענְסְטוּ שׁוֹין אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין", אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים וֶוען עֶר הָאט פַארְצֵיילְט דִי מָשָׁל: "וֶוער אִיז אַ גִבּוֹר? וֶוער עֶס קֶען רֶעדְן", מִיטְן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער קֶען מֶען אַיינְנֶעמֶען אוּן גֶעוִוינֶען אַלֶע מִלְחָמוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט דַאן צוּגֶעלֵייגְט: "טְרָאץ וָואס מֶען קֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְן טְרַאכְטְן, דָאס הֵייסְט נוּצְן נָאר דִי מַחֲשָׁבָה, אִיז אָבֶּער דֶער עִיקָר דָאס רֶעדְן, דָאס מֵיינְט זִיךְ בַּאנוּצְן מִיטְן מוֹיל".

מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן שׁוֹין אַלֵיין דֶער נִמְשָׁל פַארְוָואס עֶס קוּמְט אָן אַזוֹי שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּרֶעדְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן צוּ דִי אֶמֶתְ'ע צַדִיקִים, דָאס קוּמְט פוּן בּוּשָׁה אוּן אָנְגֶעלֵייגְטְקַייט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין עַזּוּת דִקְדֻשָּׁה. אוּן בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקַייט, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ גְרֵייט זִיךְ אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע מִלְחָמָה קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶר עֶפְנְט זַיין מוֹיל צוּ פִירְן קְרִיג אוּן אָט הַאלְט עֶר שׁוֹין נָאנְט צוּ עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן בְּרֶעכְן אַלֶע וֶוענְט אוּן טוֹיעֶרְן דוּרְךְ זַיינֶע רֵייד, אוּן וֶועגְן אַ קְלֵיינֶע מְנִיעָה פוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת א.ד.ג וֶועט עֶר זִיךְ אֶפְּהַאלְטְן צוּ רֶעדְן?! דִי מְנִיעָה אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְרֶעדְן אִיז גֶענוֹי וִוי דִי שְׁפִּין-גֶעוֶועבּ אוֹיף דִי טוֹיעֶר פוּן דֶער חוֹמָה, וָואס הַאלְט אָפּ דֶעם גִבּוֹר פוּן אִיר אוֹיפְבְּרֶעכְן.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעקוּמֶען נָאכְדֶעם וָואס אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעוָואלְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל זִיךְ אַרוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ.

אַמָאל הָאט דֶער תַּלְמִיד בַּאדִינְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֶעהַאט אַ גוּטֶע גֶעלֶעגְנְהַייט צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְן רֶבִּי'ן אָבֶּער וִוידֶער הָאט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל. שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים דֶערְלַאנְגֶען זַיין שִׁיךְ צוּ אָנְטוּן לִכְבוֹד שַׁבָּת, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט אַרוֹיס פוּן מִקְוֶה [מֶרְחָץ]. וֶוען דֶער תַּלְמִיד הָאט גֶעגֶעבְן פַארְן רֶבִּי'ן דִי שִׁיךְ, הָאט דֶער רֶבִּי פוּן זִיךְ אַלֵיין זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "גֶעוואוֹין זִיךְ אַיין צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי וֶועסְטוּ צוּ מִיר אוֹיךְ קֶענֶען רֶעדְן". שְׁפֶּעטֶער אַ צַייט וֶוען דֶער תַּלְמִיד הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן מִיטְן רֶבִּי'ן אוּן וִוידֶער אִיז אִים דָאס אָנְגֶעקוּמֶען שְׁוֶוער, דַאן הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶעם אוֹיבֶּערְדֶערְמַאנְטְן מָשָׁל פוּנֶעם גִבּוֹר.

(שִׂיחוֹת הָרַ"ן)